# מיט א טיפערן בליק

## פרשת אחרי קדושים תשפ"ה

## "ברענג עס אהיים"

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

מיר שטייען אצינד אין פרשיות אחרי קדושים וועלכע גייען צוזאמען אזויווי אין מערערע יארן. די ערשטע און גרויסע טייל פון פרשת אחרי איז עוסק אין די סדר עבודת יום הכיפורים, די הייליגסטע טאג פון יאר ווען דער כהן גדול האט געטוהן די עבודה מיט ספעציעלע ווייסע בגדים, און אריינגעגאנגען לפני ולפנים אינעם קודש הקדשים מכפר צו זיין אויף אידישע קינדער.

וואס אגב דארף מען פארשטיין וואו קומט דא אריין דער ענין פון עבודת יום הכיפורים, נאכדעם וואס אין פרשת ויקרא און צַו האבן מיר שוין געלערנט וועגן די קרבנות און די עבודה אינעם משכן. פון דארט האט שוין די תורה ממשיך געווען מיט אנדערע ענינים, צווישן זיי האבן מיר געהאט די צוויי פרשיות פון תזריע און מצורע וואס רעדן פון גאנץ אן אנדערע נושא - די ענין פון נגעים, אויב אזוי פארוואס ווערט דוקא דא דערמאנט די סדר עבודה פון יום כיפור?

**די מצוות וואס ווערן אויסגערעכנט אין פרשת קדושים**

פון דא גייען מיר ווייטער צו פרשת קדושים וועלכע פאַנגט זיך אָן מיט'ן ציווי פון "דַּבֵּר אֶל כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם קְדֹשִׁים תִּהְיוּ כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם", השי"ת הייסט משה רבינו זאגן פאר כלל ישראל אז זיי זאלן זיין הייליג ווייל דער אייבישטער איז הייליג, און כדי זיך צו קענען דערנענטערן און באהעפטן צו איהם דארפן מיר זיין הייליג, ווי דער **רמב"ן** שרייבט, "וטעם הכתוב שאמר כי קדוש אני ה' אלקיכם - לומר שאנחנו נזכה לדבקה בו בהיותנו קדושים".

**רש"י** ברענגט ארויס די וויכטיגקייט פון פרשת קדושים, "מלמד שנאמרה פרשה זו בְּהַקְהֵל" משה רבינו האט געדארפט זאגן די פרשה פאר "כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" ווען אלע אידן זענען געווען צוזאמגענומען אינאיינעם, "מפני שרוב גופי תורה תלויין בה" ווייל אין אונזער פרשה איז פארהאן גאר אסאך יסודות'דיגע מצוות און איסורים פון די תורה.

אז מיר כאפן א בליק אין די ווייטערדיגע פסוקים פון פרשת קדושים, געפונען מיר טאקע גאר אסאך מצוות עשה און לא תעשה פון אלע סארטן, און א גרויסע טייל פון זיי זענען מצוות שבין אדם לחבירו, ווי צום ביישפיל: מורא האבן פון טאטע און מאמע, איבערלאזן לקט שכחה און פאה אין די פעלדער, נישט גנב'ענען און נישט ליגענט זאגן, נישט צוריקהאלטן דאס געהאלט פון אן ארבייטער, נישט שעלטן, פַּסק'ענען א דין תורה ריכטיג, דן זיין לכף זכות, נישט רעדן קיין לשון הרע און רכילות, נישט פיינט האבן א איד, די איסור פון נקמה ונטירה, די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך, און אזוי נאך אסאך פארשידענע מצוות.

לכאורה דארף מען פארשטיין, נאכדעם וואס די תורה הקדושה מאכט אזא פייערדיגע הקדמה פון "קְדֹשִׁים תִּהְיוּ" אז כלל ישראל דארף זיין הייליג, וואלטן מיר ערווארטעט צו הערן פיל העכערע און חשוב'ע יסודות וויאזוי א איד קען ווערן א קדש וטהור, ווי מיר זענען געוואוינט צו טראכטן ווען מ'הערט די מושג פון 'קדוש' אז דאס מיינט זיין גאר הייליג און דערהויבן, אפגעזונדערט פון די וועלט מיט גרויס פרישות און קדושה, אפשר א צדיק וואס פראוועט תעניתים וסיגופים... דאס איז אין אונזער מחשבה די אפטייטש פון קדושים. אבער אנשטאט דעם געפונען מיר א רשימה פיל מיט קלענערע און 'פשוט'ע' טאג טעגליכע מצוות, ווי ליב האבן א צווייטע איד און אכטונג געבן אויף זיין געלט וכדומה, זאכן וואס אין אונזערע אויגן זענען טאקע גאר חשוב און דערהויבן, אבער וויאזוי קומט דאס צו 'קדושה' און וואס פאר א שייכות האבן די מצוות צו קדושים תהיו?

**יכול כמוני תלמוד לומר כי קדוש אני**

צום לעצט איז כדאי צו דערמאנען די באקאנטע רייד פון **מדרש** (ויק"ר כ"ד ט') וואס ווערט געברענגט אין פילע **ספרים הקדושים** אין אונזער פרשה, "קְדוֹשִׁים תִּהְיוּ, יָכוֹל כָּמוֹנִי, תַּלְמוּד לוֹמַר כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי - קְדֻשָּׁתִי לְמַעְלָה מִקְּדֻשַּׁתְכֶם", ווען השי"ת באַפעלט פאר כלל ישראל אז מיר דארפן זיין הייליג, "יכול כמוני" וועט עטס מיינען אז איר וועט זיין הייליג אזויווי דער אייבישטער אליינס, דערפאר שטייט "כי קדוש אני" אז השי"ת איז באמת דער וואס איז הייליג, קדושתי למעלה מקדושתכם, מיין קדושה איז העכער פון ענקער קדושה.

די ווערטער פונעם מדרש רופן אויס וואונדער, וואס איז בכלל די הוה אמינא פון 'יכול כמוני'? צו דען קען מען אפילו אזוי קלערן אז א בשר ודם קען זיין אזוי הייליג כביכול ווי השי"ת? מיר דארפן א פסוק פון "כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי" אויף דעם, אונז צו לאזן הערן אז נישט?... [אין די ספרים הק' זענען פארהאן מערערע פשטים צו ערקלערן די באדייט פון די שאלה און די תשובה].

**אנצופילן א ליידיגן חלל און מוסיף זיין קדושה**

איידער מיר גייען אריבער צום תירוץ, ווילן מיר זיך אפשטעלן א רגע, און דערציילן א שיינע מעשה וואס מיר האבן לעצטנס געהערט,

וועלכע איז 'מענין לענין באותו ענין'. בייגט צו אן אויער און הערט די שיינע פאסירונג וואס איז זיך פארלאפן אין די נישט ווייטע פארגאנגענהייט:

אין א געוויסע בית המדרש איז געווען א קבוצה פון יונגעלייט וואס פלעגן פארברענגען אינאיינעם. צום באדויערן, איז א גרויס חלק פון זייער 'פארברענגן' פאָרגעקומען אין די צייט ווען די איבריגע מתפללים האבן געדאווענט. פארשטייט זיך אז ס'האט שטענדיג אויסגעבראכן רייבערייען צווישן די ערנסטע מתפללים און זיי. מענטשן האבן כסדר געשישקעט און שטיל געמאכט אז זיי זאלן נישט שטערן די וואס דאווענען, ס'פלעגט גיין פארשידענע קולות און 'פְּסָקִים' אהין און צוריק כדרכו של עולם.

באזונדער האבן זיי געהאט א מנהג קבוע אז זיי פלעגן ארויסגיין צום פּאָליש ביים ליינען כדי צו מאכן קידוש און טוֹעֵם זיין. דער האט צוגעשטעלט בראנפן און יענער האט אנגעגרייט מזונות, און אזוי פלעגן זיי דארט אדורכשטופן די צייט און פארברענגן, אנשטאט צו זיצן אינעווייניג און אויסהערן דאס ליינען.

ויהי היום, איין שבת באמערקן זיי אז זייער חבר יענקל, איינס פון די הויפט אנפירער פונעם קידוש, האט נישט אנטייל גענומען ביים געוועגליכן קידוש. דאס נישט קומען איין מאל האט נאכנישט ארויסגערופן וואונדער, ס'קען זיין אז ער איז געווען פארטיפט אין א שמועס אינעווייניג, אדער אפשר האלט ער נאך אינמיטן שחרית, עס פאסירט אמאל. אבער נאכדעם וואס די צווייטע וואך און די דריטע וואך איז ער אויך נישט ארויסגעקומען קידוש מאכן ביים ליינען, האט דאס שוין געהויבן ברעמען ביי זיינע חברים, און איינס ביי איינס קומט מען איהם פרעגן, יענקל וואס האט פאסירט? וואס איז געשען מיט'ן קידוש?

יענקל האט זיי געענטפערט אָפנהארציג, און געטיילט מיט זיי זיינע מחשבות:

כ'האב מיך לעצטנס מתבונן געווען אז נישט לאנג צוריק איז ליידער פריצייטיג נפטר געווארן א יונגערמאן פון אונזער בית המדרש, א וואוילע יונגערמאן וואס פלעגט דאווענען ערליך, ווי אויך פלעגט ער זיצן מיט א חומש און מיטהאלטן יעדעס ווארט פון קריאת התורה מיט א ערנסטקייט, דער יונגערמאן האט זיכער צוגעגעבן צו די שלימות און קדושה פון אונזער בית המדרש. סוף כל סוף ווייסן מיר אלע גאנץ גוט דעם אמת אז מען דארף דאווענען און אויסהערן דאס ליינען, און אודאי נישט רעדן אדער שטערן בשעת מעשה, דאס איז די ריכטיגע וועג. הכלל, האב איך געשפירט ביי מיר אז מיט די פטירה פון דער יונגערמאן איז זיכער געשאַפן געווארן א 'חָלָל' און א לאָך אין די דערהויבנקייט פונעם דאווענען און קריאת התורה,

און איך האב מחליט געווען אז איך וועל פראבירן אביסל אנצופילן און פאַרשטאָפּן דעם חלל. דעריבער טייערע חברים, קום איך שוין נישט ארויס צו מאכן קידוש ביים ליינען, ווייל איך וויל ערפילן דעס וואס פעלט אונז.

זיינע ווערטער וואס זענען געזאגט געווארן מיט א תמימות און אמת'דיגקייט זענען געווען דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב, און די חברים האבן באשלאסן אז מען דארף איהם נאָכמאַכן... דעם קומענדיגן שבת איז שוין נישט פאָרגעקומען קיין קידוש ביים ליינען, און דאס דאווענען האט צוביסלעך אנגעהויבן צו באקומען א פאַסיגע צורה, אלעס כדי אנצופילן דעם ליידיגן חלל און מוסיף זיין קדושה בין כותלי בית המדרש.

**קדושים תהיו - מיר קענען עס באוויזן**

ווי לעבעטיג און שיין איז ווען א איד אנערקענט אז דאס איז זיין תפקיד אלס א חלק פון כלל ישראל. שנאמרה פרשה זו בְּהַקְהֵל, די פרשה איז געזאגט געווארן פאר יעדע איינציגסטע איד בלי שום יוצא מן הכלל און יעדער איז א חלק דערפון, דַּבֵּר אֶל **כָּל** עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. יעדער פון אונז האט א חיוב אנצוצינדן די פאַקל פון קדושה און באלייכטן זיין גאנצע ארום, אנצופילן יעדן חלל און פארשפרייטן קדושה אויף די וועלט. ווי דער **מדרש** זאגט (כ"ד ד') אז די מצוה פון קדושים תהיו איז גאר אן הבטחה, מיר האבן די כוחות און מיר קענען עס באוויזן, "כשם שאני קדוש כך תהיו קדושים, הדא היא דכתיב קְדֹשִׁים תִּהְיוּ כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי".

אויב השי"ת האט געגעבן דעם ציווי פאר יעדן איינציגסטן איד מיט א הבטחה אז ער קען עס באוויזן, איז פשט אז די מושג פון 'קדושה' איז טאקע נישט אזוי ווייט און גרויס ווי מיר מיינען! בהכרח מוז מען זאגן אז דער ענין פון קדושה איז א זאך וואס יעדער איינער קען באמת דערגרייכן און אויספירן.

און אז מיר קוקן אריין אין די המשך הפסוקים אין פרשת קדושים זעען מיר דאס קלאר. די תורה אליינס לערנט אונז די וועג אנצוקומען צו קדושה. ווי מיר האבן פריער דערמאנט, האט פרשת קדושים אין זיך א לאנגע רשימה פון פארשידענע מצוות, און די אלע נעמען אנטייל און העלפן אונז אויספירן דעם "קְדֹשִׁים תִּהְיוּ" אויף למעשה.

אֱמוֹר מֵעַתָּה, לערנען מיר דא א נייע יסוד, אז ווען א איד פירט זיך ווי עס דארף צו זיין, ער ארבעט אויף זיין התנהגות בין אדם למקום און בין אדם לחבירו אז עס זאל זיין אויסגעהאלטן, און ער פראבירט צו שטייגן אין אהבת השי"ת און אהבת ישראל, איז ער מקיים דעם ציווי השי"ת פון קְדֹשִׁים תִּהְיוּ. **יא, טאקע די מצוות וואס זענען אפשר אביסל 'קליין און פשוט' אין אונזערע אויגן, ווי צום ביישפיל נישט**

**גנב'ענען און נישט ליגענט זאגן, דן זיין לכף זכות, נישט רעדן לשון הרע, ואהבת לרעך כמוך, דאס זענען די עכטע גרויסע און הייליגע 'גופי תורה' וואס השי"ת האט געהייסן איבערגעבן פאר גאנץ כלל ישראל אינאיינעם כדי זיי זאלן ווערן הייליג.**

א חשוב'ער תלמיד חכם האט אמאל געזאגט א שיינעם רמז און סימן אין די וואָרט 'קדוש' וואס איז כדאי נאכצוזאגן. די ווארט **קדו"ש** איז ראשי תיבות, **ק**'רבת אלקים, **ד**'יבור, **ו**'אהבת לרעך כמוך, **ש**'מחה. ווען א איד לעבט מיט די פיר יסודות זאל ער וויסן אז ער איז אויפן ריכטיגן וועג פון ערריכן קדושה. מיר דארפן שטרעבן און פראבירן זיך צו דערנענטערן צו השי"ת, איהם דינען און טהון זיין רצון, ווי אויך היטן דעם דיבור ווי עס דארף צו זיין (וואס דאס האבן מיר גערעדט באריכות פאָריגע וואך אין די פרשה פון נגעים וואס קומט אלס א עונש אויף לשון הרע), אהבת ישראל דורכ'ן ליב האבן א צווייטע איד מיט'ן גאנצן הארץ און מקיים זיין ואהבת לרעך כמוך, און לעבן מיט שמחה און צופרידנקייט. אז מען לעבט מיט אזא שטרעבן און מ'איז מקיים די ענינים, פארמאגט מען אין זיך ריין קדושה! דאס איז וואס השי"ת פארלאנגט פון אונז, דאס איז די אפטייטש פון קדושה און העכערקייט, און אזוי ווערט מען א קדוש.

**ויוצא לביתו וכל העם מלוין אותו עד ביתו**

ווארשיינליך האבן מיר א טעות ווען מיר מיינען אז א 'קדוש' באדייט דווקא א צדיק יסוד עולם וואס איז אינגאנצן אויסגעטוהן פון די וועלט און האט נישט קיין פאַרקער מיט מענטשן אדער מיט גשמיות'דיגע זאכן. פארשטייט זיך אז קדושה האט נישט קיין שיעור און עס זענען פאראן פארשידענע דַרגות אין קדושה. אבער די קְדֹשִׁים תִּהְיוּ פון וואס די תורה רעדט איז דייקא די טאג טעגליכע קליינינקייטן וואס מיר קענען מקיים זיין און טוהן, און דערמיט ווערן אמת'דיגע קדושים.

אז מיר וועלן מְעַיֵין זיין אין די ווערטער פונעם **רמב"ם** (הלכות עבודת יום הכפורים פרק ד' ה"ב) ברענגט ער דארט וואס חז"ל זאגן, אז ווען דער כהן גדול האט געענדיגט די גאנצע עבודת היום פון יום כיפור, "ופושט בגדי זהב ולובש בגדי עצמו, ויוצא לביתו, וכל העם מלוין אותו עד ביתו, ויום טוב היה עושה על שיצא בשלום מן הקדש", ער האט אויסגעטוהן די בגדי כהונה און אנגעטוהן זיינע אייגענע בגדים, און ער גייט אהיים, און מען פלעגט איהם באגלייטן און מאכן א יום טוב.

וואס בעצם איז דאס אליינס א פלא, ווייל דער רמב"ם ברענגט בדרך כלל נאר פסקי הלכות, זאכן וואס זענען א חיוב צו טוהן, און על פי רוב דערמאנט ער נישט קיין עובדות און געשעענישן וואס האבן פאסירט. און דא דערמאנט ער יא דעם ענין אז מ'האט אהיימבאגלייט דעם כהן גדול נאך די עבודה. נאך מער אינטערסאנט איז די לשון "ויוצא לביתו" וואס הערט זיך כמעט ווי א חיוב, כאילו ס'איז עפעס א חלק פון די עבודה דאס אז דער כהן גדול גייט ארויס צו זיין הויז.

בדרך רמז קען מען זאגן אז דער רמב"ם וויל אונז דא לערנען אט דעם יסוד וואס מיר שמועסן דא. יעדער איינער ווייסט און פארשטייט אז ווען דער כהן גדול איז זיך מקדש ומטהר מיט געוואלדיגע הכנות און פעולות, ער גייט אין מקוה און מאכט קידוש ידים ורגלים פונעם כיור, ער טוט אָן זיינע ווייסע קליידער און גייט אריין אין קודש הקדשים בדחילו ורחימו, יא דאס איז טאקע שפיץ קדושה! אזוי זעהט אויס א מלאך אלקים ווען ער דינט דעם אייבישטער. אבער דער אמת איז אז עס שטעלט זיך נישט אפ ביי דעם. קדושה בלייבט נישט נאר אין קדשי קדשים איין מאל א יאר. **ווען דער כהן גדול ענדיגט אָפּרעכטן זיין גרויסע און הייליגע עבודה אין בית המקדש, איז ער "יוצא לביתו" ער גייט אהיים און טראגט אהין די קדושה! ער איז ווייטער ממשיך מיט'ן זיין הייליג און קדוש אפילו אינדערהיים.** אפילו צווישן די פיר ווענט פון זיין גשמיות'דיגע שטוב, מיט זיינע בגדי חול, אָן די אלע הכנות און עבודות נשגבות וואס טוען זיך אפ אין בית המקדש, דארט אינדערהיים איז אויך פאראן קדושה, דארט קען מען ווייטער פארשפרייטן קדושה און לעבטיגקייט און מקיים זיין קְדֹשִׁים תִּהְיוּ דורך די טאג טעגליכע קליינינקייטן.

בדרך רמז קענען מיר ווייטער דערהערן דעם מוסר השכל אין די ווערטער פונעם רמב"ם: נישט נאר דער כהן גדול אליינס קען זיין קדוש, נאר "**וכל העם** מלוין אותו עד ביתו" יעדער איד האט די כוח אהיימצוברענגען די קדושה אין זיין שטוב, ווי די תורה זאגט אז די מצוה פון קדושים תהיו איז געאייגענט פאר "כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" יעדער איינציגסטער איד. "ויום טוב היה עושה" דאס איז די גרעסטע יום טוב און שמחה ווען א איד איז זוכה מקדש ומטהר צו זיין זיינע ד' אמות, זיין היים און זיין שטוב, דורכ'ן מקיים זיין דעם רצון השי"ת אויף יעדן טריט אין שריט אינעם טאג טעגליכן לעבן. בדרך צחות קען מען זאגן עס איז א בחינה פון "יום טוב אינדערוואכן" ווען א מענטש מאכט אז אפילו א פשוט'ע וואכנדיגע טאג זאל ווערן הייליג און דערהויבן דורך זיינע קליינע גוטע הנהגות. מיר האבן די מעגליכקייט צו פארוואנדלען אונזערע שטובער אין א בית מקדש מעט, אין א קליינע קודש קדשים וואס איז אנגעפילט מיט קדושה וטהרה.

**אריינברענגען די קדושה אין שטוב אריין און לעבן דערמיט**

ווי פאסיג איז די סדר עבודת יום כיפורים אלס א הקדמה צו די פרשה פון קדושים תהיו, ווייל די תורה איז אונז מרמז דערמיט אז אט די

גרויסע און הייליגע קדושה וואס זעהט אויס אזוי גרויס און ווייט, דאס אלעס קענען מיר אריינברענגען אין אונזער טאג טעגליכע לעבן.

אנדערש ווי די קדשי קדשים וואס דארט אהין קען מען נישט אריינגיין שטענדיג, ווי די תורה זאגט וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ, האבן מיר אבער יא א כוח פון קדושה דריי הונדערט פינעף און זעכציג טעג א יאר, א הנהגה וואס איז שייך פאר יעדער איד, יעדן טאג, אין יעדע ארט, אין יעדע מצב, "דַּבֵּר אֶל כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם קְדֹשִׁים תִּהְיוּ", און דאס דארפן מיר טאקע אהיימברענגען מיט זיך אלעמאל און באלייכטן דערמיט אונזערע שטובער.

ווי די תורה הקדושה זאגט אונז טאקע ווייטער אין פרשת אחרי (י"ח ה') וּשְׁמַרְתֶּם אֶת חֻקֹּתַי וְאֶת מִשְׁפָּטַי אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה אֹתָם הָאָדָם "וָחַי בָּהֶם", די מצוות ה' איז עפעס וואס מיר דארפן לעבן מיט, נישט בלויז עפעס א גרויסע און ווייטע זאך, נאר עס דארף ווערן טייל פון אונזער עצם לעבן, עס דארף זיין אונזער מהות און אונזער מציאות בכל עת ובכל שעה.

**לערן זיך אויס צו זאגן "איך בין הייליג!"**

דערמיט קומען מיר צוריק צו די ווערטער פונעם **מדרש** וועלכע מיר האבן מדייק געווען "קְדֹשִׁים תִּהְיוּ, יָכוֹל כָּמוֹנִי, תַּלְמוּד לוֹמַר כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי - קְדֻשָּׁתִי לְמַעְלָה מִקְּדֻשַּׁתְכֶם". איז דא אויף דעם א הייליגע טייטש פון **הרה"ק רבי ישראל פון רוזשין זי"ע**, אז די מדרש וואונדערט זיך בלשון בתמיה, די תורה הקדושה זאגט אונז דא אז א איד קען באמת אנקומען און זיין גאר גרויס און הייליג, ער קען זוכה זיין זיך מדבק צו זיין אין קדושה וואס איז א הייליגע זאך און באלאנגט צו השי"ת, "יָכוֹל כָּמוֹנִי - וויאזוי קומט מען טאקע אָן דערצו? וואס קען א מענטש טוהן כדי זיך צו באהעפטן צו קדושת השי"ת און זוכה זיין צו אזא דערהויבענע און געטליכע זאך?" און אויף דעם לערנט אונז דער מדרש די עצה, **"תַּלְמוּד לוֹמַר כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי" לערן זיך אויס צו זאגן שטענדיג "כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי!" איך בין א הייליגער איד, און יא, איך קען זיין א קדוש!**

ווען א מענטש לערנט זיך אויס צו לעבן מיט די ידיעה איך בין הייליג, איך בין א איד, א חלק אלוקי ממעל וואס האט אין זיך הימלישע כוחות, איך בין א שליח פון השי"ת וואס האט מיר באפוילן און געגעבן די מצוה פון קְדֹשִׁים תִּהְיוּ צו פארשפרייטן קדושה אין די וועלט, דאס וועט איהם ברענגען באמת צו ווערן הייליג. ווען דער יצר הרע וועט קומען איהם צורעדן צו טוהן אן עבירה, וועט ער שפירן ביי זיך, ווי קען איך טוהן אזא זאך? איך בין דאָך א הייליגער איד, איך בין קדוש! און ווען דער יצר טוב וועט איהם צורעדן צו טוהן א מצוה וועט ער זיך צוכאפן דערצו, ער וועט גלייבן אין זיך און וויסן אז ער קען ווייל ער איז דאָך א הייליגער איד.

דאס איז די שליסל אריינצוברענגען די קדושה ביי זיך אין הארץ און אין שטוב, ווען מען ווייסט און מען גלייבט אז מען קען און מען איז געאייגענט דערפאר. קדושה איז נישט אזוי ווייט און נישט אזוי שווער, קדושה איז א זאך וואס יעדער איד האט אין זיך, מיר פארמאגן עס אין אונזערע נשמות און אונזער פנימיות, און מיר האבן אויף דעם א ציווי השי"ת עס ארויסצוברענגען אין אלע אונזערע מעשים און הנהגות.

ווייל אז מען געדענקט דאס און מען חַזר'ט זיך דאס איין כסדר "כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי!" גיבט עס די חיזוק און די כוח פארן מענטש צו וועלן פארשפרייטן נאך און נאך קדושה. ווי די מעשה וואס מיר האבן פריער דערמאנט פון איין יונגערמאן וואס האט גענומען די דרייסטקייט אוועקצושטיין פון זיין קופקע ביים דאווענען און ליינען, ווייל ער האט געשפירט אז זיין תפקיד איז צו פארשפרייטן קדושה.

מען דארף אבער נישט גיין אזוי ווייט, און עס דארף נישט זיין דווקא דורך גרויסע און דראמאטישע מעשים. יעדע קלייניגקייט וואס מען טוט, ווען עס קומט אונטער א געלעגנהייט פון ארויסווייזן אביסל ואהבת לרעך כמוך, געבן א שמייכל צו א צווייטער איד, זאגן א גוט ווארט, טוהן א חסד, דן זיין לכף זכות, דאס אלעס זענען דאָך הנהגות פון קדושים תהיו, וואס אויב א איד האלט שטענדיג פאר די אויגן דעם כלל פון 'כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי' אז ער איז הייליג און עס פּאַסט פאר איהם צו טוהן הנהגות פון קדושה, וועט ער טאקע מקיים זיין מער און מער פון די אלע טאג טעגליכע מצוות און גוטע מעשים. עס וועט זיין "וָחַי בָּהֶם" א טייל פון זיין לעבן, און ער וועט אריינשיינען און פארשפרייטן קדושה אויף זיין גאנצע ארום אזוויי דער אייבישטער פארלאנגט פון אונז, אמן כן יהי רצון.

לסיכום געדענק:

- 'קדושה' איז נישט אזוי ווייט און גרויס ווי מיר מיינען! יעדער פון אונז קען עס באמת דערגרייכן און אויספירן. די ציווי און הבטחה איז צו יעדער איינציגסטער איד.
- דורך קליינע און פשוט'ע מצוות אפילו פון בין אדם לחבירו ווערן מיר קדושים, און מיר מוזן דאס אריינברענגען אין שטוב, אין די גאס, און אין אונזער גאנצע לעבן.
- "תַּלְמוּד לוֹמַר כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי" לערן זיך אויס צו זאגן שטענדיג "כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי!" איך בין א הייליגער איד, און יא, איך קען זיין א קדוש!

# א לעבטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק" דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com